# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:48**
מוצאי שבת קודש............**9:20**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................דברי הימים-ב ג'
בבלי.........................חולין ט"ז
ירושלמי............בבא קמא י"ד
תוספתא.................חגיגה א'
רמב"ם........................מילה ב'


פרשת במדבר, כ"ט אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ו', שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 32 (751)


# אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד.** זָאגְט רַשִׁ"י, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי אִידְן, צֵיילְט עֶר זֵיי צוּ יֶעדֶע צַייט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה, אַ זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיסְפִירְן. אוּן מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז אַנְדֶערֶע זֶענֶען מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, אָבֶער יֶענֶער הָאט דָאךְ נִישְׁט דִי נְקוּדָה וָואס עֶר הָאט. דֶערְפַאר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעצֵיילְט דִי אִידְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאזוּנְדֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים תכח, ד') אַז שְׁטֶענְדִיג לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת. לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"א) אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן הַתְמָדָה, צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קַיין שׁוּם אִיד. וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיוֹת אִין דִי תּוֹרָה, קֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, אוּן אוֹיבּ רֶעדְט מֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ אִיד, מִיט דֶעם פַּסֶל'ט מֶען אֵיין אוֹת פוּן דִי סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אֵיין אוֹת פוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶס פָּסוּל, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.

דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען שְׁטֶענְדִיג פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר פַאר שָׁבוּעוֹת, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער אִיד, יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, נִישְׁט זִיךְ אוּן נִישְׁט אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַזוֹי קֶען מֶען צוּגֵיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר א)

**אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, יֶעדֶער אִיד הָאט עֶפֶּעס אַן אֵייגְנַארְטִיגֶע זַאךְ וָואס נָאר עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַ צְוֵוייטֶער, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אִים, קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כ"א:) אִיבֶּער דֶעם דָאקְטֶער אַבָּא אוּמְנָא, וָואס עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא אַבַּיֵי הָאט נָאר בַּאקוּמֶען אַ גְרוּס יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רָבָא הָאט נָאר בַּאקוּמֶען אֵיינְמָאל אַ יָאר, אוּם עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר. דֶערְצֵיילְן אוּנְז חֲזַ"ל אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וֶועגְן אַבָּא אוּמְנָא, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט טוּן דָאס וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט. זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע נְקוּדָה, אוּן צוּ וִויסְן וָואס דִי נְקוּדָה אִיז דַארְף יֶעדֶער מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִיק, וָואס עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ אַרַיינְצוּשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אִיד אוּן אִים אוֹיפְוֶועקְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק **אִישׁ עַל דִּגְלוֹ בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, יֶעדֶער אִיד גֵייט לוֹיט זַיין נְקוּדָה וָואס עֶר דַארְף צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, **מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל מוֹעֵד יַחֲנוּ**, אוּן אַלֶע זֶענֶען קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם אוֹהֶל מוֹעֵד, וִוי דֶער כֹּהֵן, דֶער צַדִיק, גֶעפוּנְט זִיךְ, זֵיי זֶענֶען מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִיק.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אַ צְוֵוייטְן, נָאר וִויסְן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט זַיין אֵייגֶענֶע נְקוּדָה וָואס עֶר קֶען, אוּן עֶר דַארְף, אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה בַּמִדְבָּר ד)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## זוּמֶער טֶעג

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, וַוייל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה טוּט זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן, אַלֶע בֵּיימֶער, אַלֶע גְרָאזְן הֵייבְּן אָן צוּ שְׁפְּרָאצְן; נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ וִוינְטֶער טוֹיט, נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ וִוינְטֶער טְרִיקְן - הֵייבְּן אַלֶע אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן שֵׁיינֶע פְרוּכְט אוּן שֵׁיינֶע בְּלֶעטְלֶעךְ; אִיז דָאס אַ צַייט פַאר אוּנְז אַלֶע זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ


<<<<<<


# א גוט ווארט

וָואס גֵייסְטוּ הַיינְט עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל? זֶע צוּ עֶסְן לָאקְשְׁן, וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז הַיינְט וִויל עֶר נִישְׁט עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל קַאשֶׁע, הַיינְט וִויל עֶר לָאקְשְׁן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר מֵיינְט נִישְׁט דִי עֶסְן, עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר וִויל נִישְׁט עֶסְן קַיין קַאשֶׁע, עֶר וִויל נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל לָאקְשְׁן, דָאס אִיז דִי וֶוערְטֶער 'לֹא-קָשְׁן' – "עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זִיךְ בַּאשְׁטֶעלְן אַ פוּשְׁקֶע לָאקְשְׁן, אוּן אַז דוּ הָאסְט אִין שְׁטוּבּ קַאשֶׁע - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין פֶעלְד אַוֶועק גִיסְן דִי קַאשֶׁע, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַאַרְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, אַלֶעס אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִדְבָּר תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: שבת קודש נאכמיטאג 2 מינוט און 15 חלקים נאך 6 | ראש חודש סיון יהיה ביום הראשון

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַז דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע טֶעג, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ וֶוערְסְט צֶעקְוֶועטְשְׁט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז לְטוֹבָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (נִדָּה לא.), צְוֵויי חֲבֵרִים הָאבְּן אַיינְגֶעקוֹיפְט סְחוֹרָה דָאס צוּ פַאֲרְקוֹיפְן אִין אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג צוּם שִׁיף הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צוּם שִׁיף, דִי שִׁיף אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן שׁוּתָּף, מִיטְנֶעמֶענְדִיג אַלֶע סְחוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְן צֶעבְּרָאכֶענֶעם פוּס אִיז אוּנְטֶערְגֶעבְּלִיבְּן, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז דִי שִׁיף אִיז אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין וַואסֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן מִיט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (יְשַׁעְיָה יב, א): "אוֹדְךָ ה' כִּי אָנַפְתָּ בִּי", אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעצֶערְנְט אוֹיף מִיר– אַז דוּ הָאסְט מִיר צֶעבְּרָאכְן דִי פוּס, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ פַארְפַּאסְט דִי שִׁיף אוּן גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "יָשֹׁב אַפְּךָ וּתְ'נַחֲמֵנִ'י", אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, דֶער רֶבִּי טְרֵייסְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי פִּילְט אוּנְז אָן מִיט אֱמוּנָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אֲפִילוּ וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי שְׁלֶעכְטְס.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אֲפִילוּ בַּיי דִיר הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה נִישְׁט אַזוֹי גֶעעֶנְדִיגְט, זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן: "'אוֹדְךָ ה'', אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיז מִיר אַרִיבֶּער"; גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פֶּערְצוּפַאל, נִישְׁטָא קַיין פַּאסִירוּנְג, נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, נִישְׁטָא קַיין טָעוּתִים; אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בַּמִּדְבָּר תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

ל. הַגְּדֻלָּה מְכַפֶּרֶת. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

לא. לִפְעָמִים כְּשֶׁמַּתְחִיל לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, בָּאִין לוֹ יִסּוּרִין, זֶה מִפְּנֵי שֶׁשָּׁהָה מִלַּעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה. צוּמָאל מַאכְט זִיךְ אַז דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן, קוּמְט אוֹיף אִים יִסּוּרִים; דָאס אִיז וַוייל עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען צוּ לַאנְג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע זְמַן, פוּן דִי וִוינְטֶער זְמַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, וַוייל דָאס צוּרִיק קוּקְן לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַזוֹי וִוי אַלֶע בֵּיימֶער אוּן אַלֶע פֶעלְדֶער הֵייבְּן אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ וַואקְסְן, צוּ שְׁפְּרָאצְן, אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע פְּרוּכְט אוּן דִי שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ - אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט אַ פֶעלְד - זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, וַוייל עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג), וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְוִוישְׁן דִי גְרָאז הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אַ נִיגוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין פְּנִיּוֹת, אָן קַיין מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, וִוי גוּט אוּן וִוי שֵׁיין אִיז צוּ זַיין צְוִוישְׁן זֵיי; אוּן אוֹיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פֶעלְד קֶען מֶען גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ שְׁטִילֶע גַאס אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן וִוי מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוערְט שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁמִירָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער - וֶוערְט גָאר שְׁוֶוער, עֶס וֶוערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, דִי גַאסְן וֶוערְן זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת אוּן מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, קֶען מֶען פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען מוּז זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי קְדוּשָּׁה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַלֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם לִיגְט אַלֶעס, אוֹיבּ מֶען הִיט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן זֵייעֶר הֵיילִיג, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, כא): "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", טַייטְשְׁן זֵיי: "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה", וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען הֵיילִיג? אוּן וָואס דַארְף מֶען טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן הֵיילִיג? "הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", עֶס לִיגְט אִין דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וֶועגְן; מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין גַאס, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אִין פְלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַאלְן.

טַייעֶרֶער ... אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף דִיר, אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט נָאכְלָאזְן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּעִיקָּר זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן; וַוייל אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): 'אַחֲרֵי לְבַבְכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'מִינוּת', אוּן 'אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת'; דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַאלְט אַרַיין אִין מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת פוּן סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דֶער וָואס הִיט דִי אוֹיגְן - דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק; וַוייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט וֵוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ חַס וְשָׁלוֹם וֶוען עֶס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען וִויל - וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

(גֶעקְלִיבֶּענֶע בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" בַּמִּדְבָּר תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמח)

תתי

מִיטְוָואךְ, כ"ה תִּשְׁרֵי, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אַ נַאכְט פְרִיעֶר, נָאכְ'ן צִינְדֶען חֲנוּכָּה לִיכְט.

אַ גַאסְט קוּמְט אַרַיין צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, "וָואס טוּסְטוּ פַאר פַּרְנָסָה?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע פַּרְנָסָה אִינְדֶערְהֵיים, נָאר אִיךְ שֶׁעפּ חִיוּנָה פוּן דִי וֶועלְט", הָאט דֶער גַאסְט וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט, "וָואס לֶערְנְסְטוּ?", הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס, בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מֶער הַארְצִיגֶע שְׁמוּעֶסְן, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען אוּן לֶעכְצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, צוּ עֶפֶּעס עֶרְלִיכְקֵייטְן, אוּן דֶער גַאסְט הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט דִיר".

דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וואוּנְדֶערְן אוּן טְרַאכְטְן אוֹיב דֶער גַאסְט אִיז אֶפְשָׁר בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר רֶעדְט דָאךְ מִיט אִים וִוי צוּ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִין אִים, אוּן עֶר הָאט אִים גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן "רֶבִּי", אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, "צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אַז אִיר זָאלְט מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אֵייעֶר כָּבוֹד, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּין אִיךְ דָאךְ נָאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ פִירְן מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס רֶעסְפֶּעקְט, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ פִירְן צוּ אַייךְ מִיטְ'ן רִיכְטִיגְן כָּבוֹד", הָאט אִים דֶער גַאסְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, "יֶעצְט הָאב אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט, אַן אַנְדֶערְס מָאל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוּן דִיר דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען, יֶעצְט דַארְף אִיךְ גֵיין פוּן דָא". הָאט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "אוֹיךְ דָאס דַארְפְט אִיר מִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען, וִויפִיל דַארְף אִיךְ אַייךְ בַּאגְלֵייטְן?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "בִּיז נָאכְ'ן טִיר".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# טִיף אִין חוֹבוֹת, זִיךְ אוֹיסְלַאכְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט לֶעצְטְנְס גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; גֶעלְט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁפִּיל, שְׁפִּיל דוּ אוֹיךְ דֶעם שְׁפִּיל - כְּאִילוּ דוּ הָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; טְרַאכְט 'אִיךְ הָאב זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאב עֶס יֶעצְט אִינְוֶועסְטִירְט', אוּן לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס. אַלֶעס אִיז דִמְיוֹן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֱמֶת; יֶעדֶע מַחְשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט, אוֹיב אִיז עֶס נִישְׁט פוּן אֱמוּנָה - אִיז עֶס דִמְיוֹן".

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶס אַבִּיסְל בֶּעסֶער מַסְבִּיר זַיין, אִיךְ הָאב חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן וִויפִיל גֶעלְט זֵיי וִוילְן, זֵיי הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, אַ שֵׁיינֶע קַאר, אוּן זֵיי קֶענֶען קוֹיפְן אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן אוּן דַארְפְן. אִיךְ בִּין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטָאט, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין אַסַאךְ שׁוּלְן דַאוֶונֶען כְּדֵי נִישְׁט צוּ טְרֶעפְן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת וַוייל קַיין אֵיין גְרָאסֶערִי ווִיל מִיר מֶער נִישְׁט גֶעבְּן אוֹיף בָּארְג, אִיךְ פָאר אַרוּם מִיט אַ קַאר אָן אִינְשׁוּרֶענְס וַוייל אִיךְ הָאב נִישְׁט דָאס גֶעלְט עֶס צוּ בַּאצָאלְן, אִיךְ הָאב אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ קוֹיפְן גֶעז אָנְצוּפִילְן מַיין קַאר, אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָה אִין אַפָּאר חֳדָשִׁים אַרוּם, מַיין וַוייב בֶּעט גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, וִוי אַזוֹי לַאכְט מֶען זִיךְ פַּאקְטִישׁ אוֹיס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ נִישְׁט נוּצְן דַיין קַאר בִּיז דוּ הָאסְט אִינְשׁוּרֶענְס; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, מֶען טָאר נִישְׁט פָארְן מִיט אַ קַאר אָן קַיין אִינְשׁוּרֶענְס.

צְוֵוייטְנְס, אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם טִיפְן גְרוּב - זָאלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער מֶער נִישְׁט בָּארְגְן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אוּן אַז דוּ דַארְפְסְט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. דֶעם וֶועם דוּ ווִילְסְט פְרֶעגְן: "קֶענְסְט מִיר בָּארְגְן?" זָאלְסְטוּ אַנְשְׁטָאט דִי וָוארְט 'בָּארְגְן' נוּצְן דִי וָוארְט 'הֶעלְפְן'; פְרֶעג: "קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן?" גֶעעֶנְדִיגְט מִיט בָּארְגְן, הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר, גְרָאב נִישְׁט דֶעם גְרוּב טִיפֶער; בָּארְגְן אִיז אַ קְלָלָה, אַז מֶען הָאט חוֹבוֹת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

זָאג יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶונֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים– דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], וַוייל חוֹבוֹת קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "הִנֵּה יֵשׁ עֲבֵרָה, שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵרָה הַהִיא, שֶׁיְּהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד, וַאֲפִילוּ יַעֲשֶׂה כָּל טַצְדְּקֵי דְּאֶפְשָׁר, וְהִתְפַּעֲלוּת, לֹא יוֹעִיל כְּלָל, וְיִהְיֶה בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל חוֹב'. אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב - וֶועט עֶר אֵייבִּיג בְּלַייבְּן אִין חוֹבוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז

<<<<<<

נִישְׁט דָארְט, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דֶערְטְרֶענְק זִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, אִיךְ בִּין זִיךְ אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹי וֵויי אִיז מִיר, אוֹי וֵויי אִיז פַאר מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֲבֵירוֹת.

אָנָּא רַחוּם, אִיךְ בֶּעט דִיר דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער טַאטֶע, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ רַחוּם וְחַנּוּן, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה בִּיסְטוּ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה אוּן הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם. נָאךְ תְּפִילַּת שַׁחֲרִית זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, אוּן וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שַׁחֲרִית מִיטְן טַלִית, זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְוִויקְלֶען אוּנְטֶער דִי טַלִית אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי זֶע אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ד)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה יאקאב** הי"ו בני ברק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שמעון קארדאזא** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **דוד** נ"י למז"ט

***

מו"ה **ישראל קרויס** הי"ו וויליאמסבורג
צו די אפשערן פון זיין זון **אפרים פישל** נ"י למז"ט

***

מו"ה **לייבי ראטה** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **יוסף** נ"י למז"ט

***

מו"ה **משה איינהארן** הי"ו קרית ברסלב
צו די אפשערן פון זיין זון **נחמן נתן** נ"י למז"ט

# דעדליין צו צאלן די בעטן אין אומאן

דעם זונטאג, ראש חודש סיון, איז דער דעדליין צו באצאלן די בעטן אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן, די פארוואלטונג פונעם בנין האבן ארויסגעלייגט א מודעה צו דערמאנען דעם עולם איבער דעם דעדליין, ספעציעל דאס יאר וואס דער דעדליין וועט אי"ה ווערן געהאלטן זייער פונקטליך, אזוי ווי עס איז זייער גרויס די נאכפראגע אויף בעטן אינעם בנין, סיי פון פרישע מקורבים און סיי פון מענטשן וואס ברענגען מיט נאך קינדער קיין אומאן.

די אלע וועלכע האבן נאכנישט געצאלט זאל זיך צויאגן און בעטן דעם אייבערשטן צו האבן דאס געלט צו קענען באצאלן פאר זייערע בעטן, נישט צו דארפן זיין א צועק לשעבר, נישט ארויסצופאלן פון די הייליגע חבורה.

גלייכצייטיג קומט אריין די גינסטיגע נייעס אז מען האט שוין אנגעהויבן ארבעטן צוצוגרייטן דעם בנין פאר'ן קומענדיגן ראש השנה, אין די יעצטיגע טעג גייען די ארבייטער ארום פון שטוב צו שטוב, צו זען וואס עס דארף ווערן פאררארכטן, און וואס מען דארף צושטעלן, אז דער ראש השנה זאל זיין מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם.

אין די זעלבע צייט האט מען שוין אנגעהויבן גראבן און צוגרייטן דעם שטח אקעגן איבער דעם יעצטיגן בנין, וואו עס וועט אי"ה ווערן אויפגעשטעלט א נייעם פרישן בנין, אז אנשי שלומינו זאלן זיך קענען אביסל מער אויסשפרייטן, עס זאל זיין גענוג פלאץ פאר יעדן.

אינעם טעגליכן בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א דעם דאנערשטאג, שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א: "קומענדיגע וואך ענדיגט זיך די חזקה פון האבן א בעט אין אומאן ביי אונזער בנין, ביז ראש חודש סיון האט מען די חזקה צו קענען נאכאמאל דינגען די בעט; מיר האבן געמאכט די זאך היות עס זענען דא פרישע מקורבים וואס ווילן איינשטיין ביי אונזער בנין, זיין מיט תלמידי היכל הקודש, אויך איז דא וואס ווילן נעמען נאך א בעט פאר די קינדער וואס ווערן קומענדיגע יאר זיבן יאר; וויל איך דיך דערמאנען, אויב דו ווילסט די יאר הבא עלינו לטובה זיין מיט אונזער חבורה - זאלסטו באצאלן די בעט ביז ראש חודש סיון."

און דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט ווייטער, "שטארק זיך מיט אמונה, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן נג): "מי שיש לו אמונה חייו חיים", ווער עס האט אמונה - לעבט א גוט לעבן, "והוא מבלה ימי חייו בטוב תמיד", און ער פארברענגט זיינע טעג מיט גוטס. "כי כשהולך לו כראוי ויש לו טוב, בודאי טוב לו", ווייל ווען עס גייט אים גוט, עס גייט אים ווי אזוי ער וויל - איז דאך גוט, "ואפילו כשאינו כך, דהינו שאין מתנהג לו כסדר ויש לו יסורים חס ושלום, גם כן טוב", און אפילו ווען עס גייט אים נישט ווי אזוי ער וויל, ער האט שווערע טעג, ער האט וויטאג און יסורים - איז אים ווייטער גוט, "כי הוא בטוח שאף על פי כן השם יתברך ירחם עליו להבא וייטיב אחריתו", ווייל ער פארלאזט זיך אז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן אויף אים און אים העלפן, "כי מאחר שהכל מאתו יתברך, בודאי הכל לטובה", ווייל אז אלעס איז פונעם אייבערשטן, אלעס קומט פון אים - מוז זיין אז אלעס איז נאר לטובה. "אבל מי שאין לו אמונה חס ושלום", אבער ווער עס האט נישט קיין אמונה - "חייו אינם חיים כלל", לעבט נישט, דאס לעבן איז אים נישט קיין לעבן. "כי תכף כשעובר עליו איזה רעה שוב אין לו שום חיות", ווייל ווי נאר עס גייט אויף אים אריבער עפעס שלעכטס - האט ער מער נישט קיין לעבן, "כי אין לו במה לנחם עצמו כלל", ער האט זיך נישט מיט וואס צו טרייסטן, "מאחר שאין לו אמונה כלל", ווייל ער האט נישט קיין אמונה - "ואין לו שום חיות ושום טוב", האט ער גארנישט, גארנישט, "מאחר שהולך בלי השם יתברך ובלי השגחה רחמנא לצלן", ווייל ער לעבט אנעם אייבערשטן, "אבל על ידי אמונה, מה טוב ויפה החיות שלו", אבער מיט אמונה איז די לעבן אזוי שיין און זיס."

## הדלקה רבתי

מען קען שוין הערן די גרויסע הדלקה פון דאס יאר אין ברסלב'ע שטעטל אין ליבערטי, צום ערשט די דרשה און דערנאך די הדלקה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 2, 13**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**